# צום פינטל

גליון לא
פרשת בהעלותך תשפ"ג

## משיעורי הרב שלום לאנגסאם שליט"א | בהוצאת מכון מישרים

## פרשה

### די לוויים זענען חולין

### • די לוויים זענען ווי א 'תשמיש דתשמיש'

כלל ישראל איז צוטיילט אויף דריי קהילות, כהנים לוויים ישראלים, די כהנים זענען 'קדוש', זיי זענען מובדל פון די ישראלים מיט פיל הלכות (בעניני טומאה ונשואין), די ישראלים פארקערט האבן נישט קיין שום שייכות צו די קדושה פון די כהנים, די ישראלים זענען בגדר 'חולין' אנטקעגען זיי, אבער די לוויים זענען אינדערמיט, זיי זענען אויך בעצם 'חולין', זיי האבן נישט די אלע הלכות פון 'קדושה' ווי די כהנים, אבער אביסל האבן זיי יא א קדושה מכח וואס זיי זענען א 'טפל' צו די כהנים (עי' קובץ שיעורים כתובות עד, גר"ח איסורי ביאה טו-ט, בענין הספק האם כהן היא גם לוי).

דער משך חכמה, ר' מאיר שמחה פון דווינסק, געט עס ארויס מיט הערליכע לומדישע ווערטער, ער זאגט אז די 'כהנים' זענען בגדר 'תשמישי קדושה', און די לוויים זענען בגדר 'תשמיש דתשמיש', וואס די הלכה אז 'תשמיש דתשמיש' האט נישט קיין 'קדושה', אז אויך די לוויים זענען געמאכט צו משמש זיין די כהנים, 'תשמיש דתשמיש' און זיי האבן נישט קיין קדושה. און ער לייגט צו, אז וועגן דעם ביי די לוויים טרעפט מען נישט די לשון 'אני ה אלוקיכם' אזוי ווי מ'טרעפט ביי די כהנים, ווייל זיי זענען נישט בגדר 'קדושה'. (ומסיים דלכן לויה שזנתה אוכלת במעשר, וכהנת שזנתה אינה אוכלת במעשר משום דבלויה אין קדושה).

### • די לוויים זענען די קנעכט פון די כהנים

די עבודה פון די כהנים ווערט אנגערופן אין די תורה 'כהונה' אדער שירות' (די לשון 'עבודת הקרבנות' איז א לשון חכמים), די עבודה פון די לוויים ווערט אנגערופן 'עבודה' (שמות לט לב, 'ותכל כל עבודת משכן אהל מועד', וכן בפרשיות במדבר ונשא בעבודת הלוויים). 'כהונה' און 'שירות' איז מבטא א חשוב'ע פאסטן, 'כהן' מלשון 'הכנה', און 'שירות' מלשון 'שר וחשוב', אבער 'עבודה' איז א לשון פון 'עבודת עבד', וואס איז מבטא א פשוט'ע שווערע פאסטן.

**דער משך חכמה, ר' מאיר שמחה פון דווינסק, געט עס ארויס מיט הערליכע לומדישע ווערטער, ער זאגט אז די 'כהנים' זענען בגדר 'תשמישי קדושה', און די לוויים זענען בגדר 'תשמיש דתשמיש', וואס די הלכה אז 'תשמיש דתשמיש' האט נישט קיין 'קדושה', אז אויך די לוויים זענען געמאכט צו משמש זיין די כהנים, 'תשמיש דתשמיש' און זיי האבן נישט קיין קדושה**

דאס הייסט אז די כהנים טוהן די חשוב'ע עבודות, די עבודת הקרבנות, וואס דאס ווערט אנגערופן 'כהונה ושירות', און די לוויים טוהען די שווערע עבודות, די זאכן וואס זענען מער מעשה עבדות, 'לוויים' מלשון 'לויה', זיי באגלייטן די כהנים, זיי באדינען די כהנים מיט די שווערע עבודות, זיי העלפן צו מיט וואס ס'פעלט זיך אויס ארום ארום, כדי אז די כהנים זאלען זיין 'פנוי' צו טוהן די חשוב'ע עבודות (עי' רמב"ם, ספר המצוות עשה כב).

שטייט ביי די לוויים 'ושמרו משמרתך ומשמרת כל האהל', די גדר פון 'משמרת' זאגט רש"י (במדבר ג ז) אז ס'מיינט 'ממונים', זיי זענען געווען די ממונים אין בית המקדש, די 'מענידזשערס', אלע חולין'דיגע חלקים פון בית המקדש האבן זיי קער גענומען. און אזוי שטייט אויך אין 'ספרי' אויף די פסוק 'וילוו עליך וישרתוך', אז פון זיי זאל מען ממנה זיין די 'גזברים' און 'אמרכלים'.

און אזוי טרעפט מען טאקע אז די לוויים זענען געווען ממונה אויף אויסצוקערן די רצפת העזרה (רש"י ערכין יג ע"ב, בכורות ל ע"ב), אויף שמירת האוצרות אין בית המקדש, אויף שמירת טהרת המקדש וכליו (עי' דברי הימים א כג), אויף שמירת המקדש זעלבסט, און אויף 'הגפת הדלתות' וואס איז בעצם א חלק פון שמירת המקדש. און די שפיץ פון אלעס זענען זיי געווען ממונה על השיר. סך הכל האבן זיי צוגעהאלפן די כהנים מיט אלעס וואס האט זיך אויסגעפעלט ארום ארום, אזוי זענען די כהנים געווען פנוי פאר די עצם העבודה.

די לוויים זענען געגעבן א 'מתנה' פאר די כהנים, 'נתונים לאהרן ולבניו', און דאס איז געווען די תכלית פון זייער טהרה, משה האט זיי געשטעלט און פארנט פון די כהנים, כאילו ווי געזאגט דאס איז פאר ענק, און דערנאך האבן די כהנים געמאכט אויף זיי 'תנופה', וואס דאס איז געווען כאילו ווי א 'קנין הגבהה', די כהנים האבן זיי אויפגעהויבן אז זיי זאלן ווערן כאילו ווי די עבדים פון די כהנים (חומת אנך לחיד"א בהעלותך בשם צוף דבש. וכדאי לציין הספרי דהם מתנה רק לעבודת אהל מועד, ולא לעבודת הדיוט).

און דאס איז געווען די 'אפר פרה' מיט די 'תגלחת', אלץ אז די לוויים זאלן זיין טהור און משמש זיין די כהנים,

המשך בעמוד הבא

זיין געטרייע עבדים פאר די 'קדושה', און בעיקר אז כאטש זיי אליינס זענען נישט בגדר 'קדושה', דאך ווערן זיי ווי א טפל פאר די קדושה, א טפל צו קדושת המקדש והכהנים.

### לוויים זענען 'טהרה' נישט 'קדושה'

ביי די כהנים זאגט די תורה כסדר די לשון 'קדושה' וואס מיינט 'קדוש ומובדל', אבער ביי די לוויים טרעפט מען קיינמאל נישט אזא לשון, ביי די לוויים טרעפט מען נאר די לשון 'טהרה', ווי די תורה איז מבאר די וואך אין די פרשה די גאנצע טהרה פון די לוויים. און ווי ס'איז באקאנט אז די גדר פון 'טהרה' איז נישט 'קדושה', אדרבא אויב עפעס פארקערט 'טהרה' איז מבטא אז זיי זענען בעצם 'חולין', נאר מ'איז זיי מטהר לצורך קדושה, לצורך צו ווערן א טפל פאר די כהנים, א טפל פאר די 'קדושה'.

'מעשר ראשון' ווייסט מען אז ס'האט נישט קיין שום קדושה, ס'איז חולין אינגאנצן, 'וכן בדין' ווייל אויב די לוויים אליינס זענען אינגאנצן 'חולין', איז אויטאמאטיש אויך זייער עסן אינגאנצן 'חולין', אבער די 'מעשר מן המעשר' וואס דער לוי געבט אראפ פארן כהן, דאס האט יא קדושת תרומה, ווייל דאס גייט פארן כהן וואס ער איז קודש, ממילא איז זיין עסן קודש. און ס'איז אינטערסאנט אז די 'מעשר מן המעשר' וואס די לוויים דארפן אראפ נעמען צו געבן פאר די כהנים, דאס זאגט אונז נאכאמאל אז די לוויים דארפן 'נטפל' ווערן אין די קדושה פון די כהנים.

אין די פרשה שטייט די סוגיא פון פדיון הבכורים, יעדער 'לוי' האט אויסגעלייזט איין 'בכור', די קדושה פון די 'בכורים' איז ארויף אויף די 'לוויים', די 'בכורים' זענען נאך געווען 'קדוש' פון מצרים, ווי די פסוק זאגט 'הקדשתי אותם לי', יעצט איז ארויפגעגאנגען זייער קדושה, ארויף אויף די לוויים ארויף (באריכות שטייט די גאנצע ענין אין פרשת במדבר). אבער ס'איז וויכטיג צו כאפן אז די לוויים זענען נישט געבליבן מיט די דאזיגע קדושה, ווייל די רגע די לוויים זענען געגעבן געווארן פאר אהרן, זענען זיי געווארן צוריק 'חולין'.

אזוי ווי מ'פארשטייט ביי די 'חמשת שקלים' (ביי די 'בכורים' וואס זענען געווען מער פון די לוויים, 'העודפים על הלוויים') אז די 'קדושה' פון די 'בכורים' איז ארויף אויף די חמשת שקלים, און נאכדעם וואס די 'בכורים' האבן געגעבן די 'חמשת שקלים' פאר די כהנים, איז אראפגעגאנגען די 'קדושה' פון די 'שקלים', אזוי ווי מ'ווייסט ביי 'פדיון הבן' אז די שקלים וואס זענען בידי הכהנים איז חולין'דיגע שקלים (ומבואר בגמרא שדין אחד לחמשת שקלים במדבר, וחמשת שקלים לדורות. ועוד יש סוגיא דיש אומרים אז ביי 'פדיון הבן' איז בכלל נישט דא קיין קדושה אויף די בכורים, ואכמ"ל).

איז די זעלבע זאך איז אויך ביי די לוויים וואס האבן אויסגעלייזט די בכורים, מתחילה זענען די לוויים נתקדש געווארן פון די בכורים, אבער נאכדעם וואס די לוויים זענען געגעבן געווארן פאר די כהנים, יעצט זענען זיי שוין ווי פשוט'ע 'חולין', זיי זענען נאר געווען לצורך אריבער צופירן די קדושה, צו מאכן די 'טרענזעקשן' פון די בכורים צו די כהנים, אבער נאכדעם אבער וואס זיי זענען אנגעקומען צו די כהנים, יעצט זענען זיי שוין געהעריג חולין.

### די לוויים זענען א טפל צו די כהנים

דאס איז אלץ די לוויים מצד זיי אליינס, זיי אליינס זענען נישט בגדר 'קדושה', זיי פירן נאר אריבער די קדושת הבכורים צו די כהנים, אבער מצד דעם וואס זיי זענען משמש די כהנים, מצד דעם באקומען זיי עטוואס א קדושה, פשוט מכח 'טפל', אזוי ווי א עבד פון א 'שר' באקומט עטוואס חשיבות, מכח דעם וואס ער איז דער 'עבד' פונעם 'שר'.

די קדושת הכהנים איז געווען דורך 'שמן המשחה', זיי זענען נתקדש געווארן די זעלבע צייט ווי די משכן, אין די שבעת ימי המילואים, זיי האבן א קדושה ווי די די משכן אליינס, זיי זענען ווי א חלק פון די עצם המשכן והמקדש, אויך טוהען זיי אהן די קליידער פון די משכן, און זייער עיקר 'דירה' און אכילה איז אין משכן, 'כהנים שלוחי דרחמנא', זיי זענען דעם אייבערשטן'ס שלוחים.

אבער די לוויים זענען נישט געווארן קיין חלק פון די עצם המקדש, זיי טוען נאר די דרויסנדיגע עבודות, זיי באגלייטן די עבודה פון די כהנים מיט 'שירה', מיט 'שמירה', זיי טראגען ביי די מסעות, אלע זייערע עבודות זענען געווען ווי א טפל צו די כהנים.

די לוויים זענען ווי א 'ממוצע' (דגל פרשת אמור בשם הבעש"ט, עבודת ישראל ויחי, ליקוטי תורה נשא, ועוד), די כהנים זענען קדוש און מובדל, זיי זענען א חלק פון בית המקדש ממש, שלוחי דרחמנא, און די 'ישראלים' זענען פארקערט, עולם החולין, און די לוויים זענען כאילו ווי אינצווישן, א 'ממוצע' צווישן עולם החולין און עולם הקדושה, זיי זענען שלוחי כלל ישראל זיך צו אופהייבן צו די קדושה פון די כהנים, כלל ישראל זענען זיך סומך אויף זיי, 'וסמכו בני ישראל את ידיהם על הלוים', כלל ישראל איז מיחד די לוויים צו ווערן א טפל צו די קדושה, צו ווערן א טפל צו די כהנים (עי' מאירי פרק קמא חגיגה אז אין מדבר האבן די לויים געברענגט די 'קרבנות ציבור' לצורך כלל ישראל, דאס הייסט אז זיי קומען מצד כלל ישראל).

די כהנים זענען נתחנך און נתקדש געווארן אין די שבעת ימי המילואים, נאכדעם ראש חודש ניסן האט מען אנגעפאנגען מחנך צו זיין די לוויים, אזוי ווי רש"י הקדוש איז מבאר אין פרשת נשא (במדבר ז א, וידוע שיטת הרמב"ן בזה, ועי' בחזו"א או"ח סי' קכה אות ח), און אין די זיבעטע טאג אין ניסן איז געווען די גאנצע סדר פון פרשת בהעלותך מיט די לויים.

דאס הייסט אז ערשט נאכדעם וואס ס'האט זיך גענדיגט די שבעת ימי המילואים, ס'האט זיך גענדיגט די קדושה פון די כהנים, ערשט נאכדעם האט מען געקענט קומען צו די טהרה פון די לויים, ערשט יעצט האט מען געקענט אריינברענגען די לויים צו ווערן 'נטפל' צו די קדושת הכהנים, צו ווערן ווי א 'תשמיש דתשמיש' פאר די קדושה. אזוי ווי יעדער פארשטייט אז מקען נישט מזמין זיין א 'תשמיש דתשמיש', פאר מ'האט מיחד געווען די 'תשמיש הקדושה' זעלבסט, אזוי אויך איז נישט שייך צו מטהר זיין די לוויים, פאר די כהנים זענען געווארן 'קדושים'.

# לומדים את רבי חיים



## • קביעות בדעת

ס'איז דא א מושג פון 'קביעות' וואס מ'טרעפט אסאך אין חז"ל, ווי למשל 'עשה תורתך קבע ומלאכתך עראי', 'קבע ועראי' ביי הלכות סעודה, 'קבע ועראי' ביי מלאכות, א מלאכה קבוע און א מלאכה עראי, און נאך פיל סוגיות, איז לאמיר זיך מתבונן זיין וואס איז דאס 'קבע' און 'עראי'.

די פינקטליכע הגדרה פון 'קבע' און 'עראי' איז געוואנדן אין קאפ, ס'איז געוואנדן אין די 'דעת', אויב די קאפ ליגט אינגאנצן אין איין זאך ווערט עס א 'קבע', און ווען די קאפ לויפט פון איינס צום צווייטן, ווערט די זאך א 'עראי', און אין דעם גופא איז דא פיל דרגות, ווי מער די קאפ איז אין די ענין, אלץ מער 'קבע' וועט די ענין ווערן. און די זעלבע פארקערט, ווי ווייניגער די קאפ איז אין די ענין, ס'לויפט פון איינס צום צווייטן, אלץ מער 'עראי' וועט די ענין ווערן.

קביעות איז א 'רעלטיווע' זאך, ווי מער די 'דעת' וועט זיין מחובר, וועט די גאנצע מענטש ווערן מער קבוע. ס'איז א זאך וואס בויעט זיך, ס'פאנגט זיך אהן אביסל אביסל, דערנאך בויט זיך עס מער און מער, און אויב מ'האלט אהן די קביעות, ווערט די קביעות שטערקער און שטערקער, מ'ווערט מער 'קאמפטעבל' דערמיט, מ'ווערט מער אראפגענאגלט, מער און מער איינס מיט די זאך.

ס'איז דא א מושג וואס הייסט 'היסח הדעת', 'היסח הדעת' בסעודה, 'היסח הדעת' בנטילת ידים, 'היסח הדעת' בברכות, און פיל נאך. אז מ'וועט זיך מתבונן זיין וועט מען זעהן, אז די סוגיות פון 'היסח הדעת', און די סוגיות פון 'קבע ועראי', באגעגענען זיך, 'היסח הדעת' וועט זיין ווי 'עראי', 'היסח הדעת' איז פארקערט פון 'קביעות'.

מ'זעהט בחוש אז ווען די 'דעת' איז אינגאנצן אין א זאך ('פאלי אין'), איז זייער שווער אז דער מענטש זאל צוקומען צו 'היסח הדעת', ער ליגט דאך אזוי שטארק אין דעם. למשל, א מענטש עסט א סעודה קבוע, איז אים זייער שווער זיך אפצורייסן, ווי די לשון חז"ל אויף דעם 'עקרו רגליהם' 'עקירת שלחן', וכדומה, ס'איז שווער צו מפסיק זיין, ס'פעלט זיך אויס אן א 'עקירה' זיך צו קענען אפהאקען פונעם סעודה. און וועגן דעם ווערט געפסק'נט להלכה ביי קביעות סעודה, אז אפילו מ'גייט ארויס ווערט נישט די סעודה נפסק, ווייל פון א קביעות איז שווער צו 'מסיח דעת' זיין.

ס'ווערט אסאך ארויסגעברענגט אין הלכה, אז די 'דירה' איז א מקום קבוע פאר די מענטש (לדוגמא אין הלכות ערובין 'מקום פיתא ולינה' און אין הלכות נדרים). די טעם הדבר איז ווייל די 'דעת' פון דער מענטש איז אלעמאל אין זיין 'דירה', ווי ער וועט נאר גיין דורכען טאג וועט ער בטבע נישט 'מסיח דעת' זיין פון די דירה זיינער, ער וועט נישט 'מסיח דעת' זיין פון אהיימצוקומען, ממילא קומט אויס אז די 'דירה' איז די 'קביעות' פונעם מענטש, די דעת איז דארטן א גאנצע טאג (אויך ביי 'שבת' שטייט 'שבו איש תחתיו', דער מענטש זאל זיין קבוע אין זיין פלאץ, אין זיינע ד' אמות, אין זיין דירה).

מ'טרעפט אין חז"ל אז די חתן וכלה זאלן זיין 'קבוע' במקום החופה פאר זיבן טעג, זיי זאלן זיך נישט סתם ארומדרייען אויף די גאס, ווייל דורעך דעם איז זייער 'דעת' קבוע זיך צו פרייען איינער מיט די אנדערע. ענדליך צו דעם איז דא אין הלכות 'אבילות', אז א 'אבל' זאל זיך נישט ארומדרייען אינדרויסן, ער זאל זיין קבוע אין די פלאץ פון די אבילות, ער זאל נישט 'מסיח דעת' זיין פון די אבילות. אזוי שטייט אויך 'תשעה באב' אז די 'אבילות' זאל זיין מיט א קביעות, מ'זאל נישט 'מסיח דעת' זיין פון די אבילות.

ס'איז דא צוויי סארטן ארבעטערס, ס'איז דא אומנים און ס'איז דא שכירי יום, שכירי יום בטבע בינדן זיך נישט אזוי אראפ צו די ארבעט, מ'באצאלט זיי אויפן שעה, אויפן טאג, און ווייטער געגאנגען, היינט איז היינט, מארגען איז מארגען וכו'. אבער א 'אומן', אדער ווי מ'רופט אים א 'קבלן', איז אזא סארט צוגאנג אז מ'בינד זיך אראפ, דאס די טבע פון אזא סארט מענטש אז ער איז זיך גאר שטארק מחבר צו די זאך, ער האט א כח נישט 'מסיח דעת' צו זיין, ער גייט אריין מער און מער, ער איז זיך מתחבר מער און מער ביז ער ברענגט די זאך 'לידי גמר'.

און דאס איז די כח פון 'התמדה', זיצן מיט א זאך ימים ושנים, ליגען אין דעם מיט די גאנצע קאפ און פלייסיגקייט. אזוי ווי מ'זעהט א מעהליר אדער א אנדערע סארט אומנות, וואס זיצען טעג און נעכט, וואכן און חדשים, און זיי זענען זיך מתחבר פלייסיגער און פלייסיגער, זיי ברענגען ארויס זייער עצם מציאות, די כח הדעת זייערע, תוך תוכו פונעם אומנות שטיק וואס זיי מאכן. און להבדיל א"ה א 'מתמיד בתורה', וואס דאס הייסט א יוד וואס זיין קאפ איז נישט 'מסיח דעת' פון תורה.

> **די זמן האלט זיך טאקע און איין טוישן, אבער ס'איז דא א עצה זיך מתגבר צו זיין אויף דעם, צו איבער דרייען די 'זמן' צו 'מקום', און דאס איז דורעך די כח פון 'תמיד', זאכן וואס א מענטש טוט טעגליך, טאג נאך טאג, א טעגליכע שיעור אין דף היומי, א טעגליכע שיעור אין חק לישראל, א טעגליכע שיעור אין קיצור שלחן ערוך, אלעס וואס מ'טוט טעגליך, ווערט אראפ גענאגעלט צום 'מקום', די שינויי הזמן האבן נישט אויף דעם קיין שליטה**

## • די קביעות פון רבי חיים זצ"ל

אז מ'איז זיך מתבונן אינעם גאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל, שרייט ארויס די ענין פון 'קביעות' במיוחד, היות די גאנצע מהות זיינער איז געווען איין שטיק 'קביעות', אלע זיינע ענינים איז געווען מיט א מורא'דיגע קביעות, די חובות, די שרייבן די ספרים, די 'אגרות' זיינע, זיינע חברות'ס, זיין אויפנעמען מענטשן, אלעס אלעס איז געווען מיט הימעלישע קביעות'דיגע כוח, תמידין כסדרן, תמיד בכל יום, תמיד בכל רגע ורגע, קבוע כיתד בל תמוט. דער גאון האט זיך אויסגעטרעטן מהלכים, און ער האט דאס געפילוועט למעשה עד זיבולא בתרייתא, ביז די הונדערט און צוואנציג.

"אמאל האט מיר רבינו געזאגט בנוגע זיין קביעות אין די טעגליכע לימודים, אז ער איז מקפיד אויף דעם 'חוק ולא יעבור', און ער האט מיר פארציילט א דבר פלא, אז ער איז רגיל אין די דאזיגע קביעות, נאך פון די יונגע יארן זיינע בחיי החזון איש, און אינעם 'יום הקבירה' פונעם הייליגען חזון איש, ווען מ'איז צוריק געקומען פון די לווייה, איז ער געווען מיד צובראכן און צודריקט, אבער ער האט נאך נישט געהאט געלערנט די טעגליכע שיעור, ער האט געוויסט אז מרוב חלושה וועט ער גארנישט פארשטיין, אבער ער האט מחליט געווען אז קביעות איז קביעות, און ער האט זיך געזעצט לערנען זיינע סדרים, אפילו ער האט ער ממש גארנישט פארשטאנען, בכל זאת האט

המשך בעמוד הבא

ער נישט מוותר געווען און ער האט געענדיגט זיין חוק היומי, כי העיקר נישט מבטל צו זיין די קביעות" (ספר מנחת תודה לרה"ג הונינגסברג שליט"א).

רבינו הגאון רבי חיים קנייבסקי זצ"ל האט כסדר גע'חזר'ט אז מ'זאל נישט מבטל צו די די קביעות אויף ווי סאך ס'איז נאר מעגליך. רבי חיים זצ"ל האט פארציילט אויף איינער פון זיינע שטארק קביעות'דיגע חברות'ס, אז ביים התחלת הלימוד, האט אים רבי חיים מזהיר געווען אז ער זאל נישט מבטל זיין די קביעות זיינער אויף קיין שום פאל, האט דער חברותא געזאגט פאר רבי חיים אז ער ווייסט נישט צו ער וועט קענען עומד זיין דערויף, ווייל ער ווערט זייער שנעל פארקילט אין די ווינטער, און ער פאלט אריין אין בעט.

האט אים רבי חיים געזאגט אויב די וועסט מקפיד זיין נישט קיינמאל צו מבטל זיין די קביעות וועסטו נישט קראנק ווערן, און איינמאל צוליב א וויכטיגע סיבה האט ער פארפאסט די קביעות און ער איז נישט געקומען צום לערנען, און ער איז נאכדעם געווארן די נעקסטע טאג א חולה פאר א לענגערע זמן. רבי חיים האט דאס אליינס פארציילט, אונז צו לערנען די מורא'דיגע זאך פון 'קביעות'. און רבי חיים האט מבאר געווען די טעם פון די שטארקע קפידא, ווייל די חז"ל זאגען דאך 'קבעת עתים לתורה', 'קבעת' מיינט דאך 'קביעות', אז מ'איז נישט משנה קיינמאל. און נאר אין דעם זכות איז גארנישט געשען פאר די חברותא ווילאנג ער האט עומד געווען אין זיין קביעות.

איינמאל ווען רבי חיים זצל איז געווארן איינגעלאדנט אויף סנדקאות אין מאה שערים געגענט, האט ער זיך דערמאנט אז ער וויל עפעס פרעגען פון ר' אלישיב זצ"ל, האט ער קודם געשיקט מברר זיין צו ר' אלישיב האט שוין אנגעפאנגען זיין סדר הלימוד, למעשה האט ר' אלישיב נישט געהאט אנגעפאנגען, און רבי חיים איז ארויף פרעגען זיינע ספיקות, שפעטער ביים אהיים גיין, האט דער שמש געגעבן א פרעג פון רבי חיים, 'און טאמער ר' אלישיב האט שוין יא אנגעפאנגען לערנען טאר מען נישט גיין פרעגען, מ'וויל דאך נאר רעדן אין לערנען', האט רבי חיים אים געענטפערט אפאר שטארקע ווערטער וואס איז נוגע דא פאר אונז, 'קביעות זה משהו מיוחד, קביעות זה קודש קדשים, ס'איז אסור צו זורירן צו קביעות'.

## • קביעות בזמן ובמקום

א 'דירה' איז א קביעות'דיגע מקום פאר די הצטרכות'ן פונעם יחיד, אין זיין דירה זעהט דער מענטש א גאנצע צייט די זעלבע ווענט, די זעלבע מענטשן וכו', וואס דאס איז אים גאר שטארק מחבר צו די זאך, אבער אינדרויסן האלט זיך אלעס און איין טוישן, ער באקומט נישט די 'פריוויליטש' זיך מחבר צו זיין דערמיט. אבער א 'רשות הרבים' איז א 'מקום ערא', יעדער רגע טוישט זיך דאך די צורה פונעם 'רשות הרבים', איין מינוט באניצט זיך יענקל מיט'ן רשות הרבים, און די נעקסטע מינוט באניצט זיך מיט דעם שלמה, און אזוי ווייטער.

רבי חיים קנייבסקי זצ"ל איז געווען קבוע אין זיין שטוב, און זיין דירה, אין זיינע ד' אמות, קבוע אין זיינע ענינים, ער האט נישט ארויסגעקוקט צו די וועלט, ער האט נישט ארויסגעקוקט צו די 'רשות הרבים', צו די 'שינויי הזמן'. ער איז געווען אינגאנצן אין די קדושה'דיגע קביעות זיינער, די אלע זאכן וואס זענען 'תחת שינויי הזמן' האט נישט געהאט ביי אים קיין 'מקום', זיין מורא'דיגע קביעות ביי זיך האט פון זיך אליינס אוועקגעבלאזן אלעס ארום, ווי זאל ערא'דיגע זאכן האבן א מקום אין א שטוב ווי אלעס איז 'כל כולו קביעות'.

אין די בריאה איז דא צוויי כללות'דיגע כוחות, 'זמן' און 'מקום', די שינויים אין די בריאה קומט פון 'זמן', 'תחת שינויי הזמן', 'זמן' ריקט זיך און טוישט זיך א גאנצע צייט, נישט דא נאך עפעס וואס טוישט זיך אזוי פיל ווי 'זמן'. און פארקערט איז 'מקום', 'מקום' איז די כח פון ה'קביעות', די כח פון דוקא נישט טוישן, זיך האלטן צום 'חזקה' פון ביז אהער, וואס די דאזיגע כוחות קומט פון 'מקום'.

די זמן האלט זיך טאקע און איין טוישן, אבער ס'איז דא א עצה זיך מתגבר צו זיין אויף דעם, צו איבער דרייען די 'זמן' צו 'מקום', און דאס איז דורעך די כח פון 'תמיד', זאכן וואס א מענטש טוט טעגליך, טאג נאך טאג, א טעגליכע שיעור אין דף היומי, א טעגליכע שיעור אין חק לישראל, א טעגליכע שיעור אין קיצור שלחן ערוך, אלעס וואס מ'טוט טעגליך, ווערט אראפ געגאנגען צום 'מקום', די שינויי הזמן האבן נישט אויף דעם קיין שליטה.

בכללות איז דא א חילוק צווישן ליטווישע און חסידישע, חסידים האבן מער געלעבט מיט די 'שינויי הזמן', יעדער 'שינוי הזמן' האט ביי זיי געהאט א פרישע 'הרגש', א פרישע דערהער אין עבודת ה', ווייל אויב דער אייבערשטער מאכט די אלע 'שינויי הזמן', דארף מען דאס אויסניצן פאר עבודת ה', א חסיד האט אריינגעלעבט אין א שבת אין א יום טוב, אין א יומא דפגרא, מ'איז מיט געגאנגען מיט'ן אייבירשטן וואס ער פירט די אלע שינויי הזמן.

פון די אנדערע זייט, די ליטווישע, ביי זיי האט מען מער געזעהן די כח הבחירה, זיי האבן זיך קובע געווען און אראפגענאגלט די שינויי הזמן, זיי האבן זיך באפעסטיקט מיט די כח פון 'מקום', מיט די כח הקביעות, האבענדיג די גרעסטע מאס מסירות נפש און קביעות אין תורה הקדושה.

און מיט די דאזיגע 'דוגמא חיה' לעבט א יעדער יוד אין די היינטיגע דור, האבענדיג פאר זיינע אויגען א 'מאסטער' פון קביעות אין תורה, זעהנדיג בחוש וואס דאס הייסט 'קביעות' פון א ליטווישע גדול, זעהנדיג אזא גדול ווי רבי חיים זצ"ל, וואס זיין גאנצע מהות האט געשריגען 'קביעות', און ווי ער האט 'דיזיינט' זיין גאנצע כח הקביעות אין די הייליגע תורה, ער האט ארפגענאגלט די 'זמן' צום 'מקום'.


**נא לא לקרוא הגליון בעת התפילה**

בקול הלשון - הרב שלום לאנגנאס 16466550559 - אויף אידיש 1, שיעורים מהתקופה האחרונה 1, דיבאטעס 2, יום יומי שיעורים 3 (הלכה יומי-לומדות יומי-ביזנעס יומי-חיזוק יומי-נפש יומי-חינוך יומי), על הפרשה 4, משנה וגמרא 5, הלכה 6, מוסר וחסידות 7, סיפורי צדיקים 8, אינטערסאנטע טאפיקס 9, שבת 10, מועדים 11, נשואין 12 | נ"ך 2 - שיעורים על רוב תנ"ך

**הערט א שיינע לענגערע 'דיבאטע', וועגן די נושא פון בחורים וואס פארן קיין ארץ ישראל לערנען, דריקט (174-1-1)**

**אם ברצונכם לקבל את הגליון במייל, נא לפנות:** zum-pintel+subscribe@googlegroups.com

**לנדב הגליון, או לפרסם בו, וכן להזמין את הרב למסור שיעורים בישיבות ובכוללים, נא להתקשר למכון מישרים 845-274-3516**



עיצוב: י.ב. +972-52-763-3424